**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט מערקפונקטן אויפגעלאכטן צו ווערן אין עהרע פון 'פערפל האַרץ טאָג'

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט מערקפונקטן וועלן אויפגעלאכטן ווערן אין פערפל פארב אום זונטאג, אוגוסט 7, 2022, אויף אפצוצייכענען 'פערפל האַרץ טאָג'.

"היינט, טוט דער פערפל האַרץ פארטרעטן די אומגעהויערע קאסטן און פארלארענע לעבנס וואס אונזערע מיליטערישע דינסט מיטגלידער האבן געמאכט דורך זייער מיליטערישע דינסט צו אונזער סטעיט און לאנד," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "ניו יאָרק סטעיט האט אן אייביגן חוב צו אלע וואס האבן געדינט און באקומען דעם פערפל האַרץ. היינט און יעדן טאג פארעהרן מיר און אנערקענען זייער סערוויס."

אום אוגוסט 7, 1782, ביים הויפטקווארטיר אין ניובורג, ניו יאָרק, האט גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן באפוילן דאס שאפן דעם 'בעדזש אָוו מיליטערי מעריט', דער פארגייער פון דעם היינטיגן פערפל האַרץ, דער ערשטער מיליטערישע אויסצייכענונג פון דאס וואס וועט אט דערנאך ווערן די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע. דער היינטיגער פערפל האַרץ איז שפעטער אנערקענט געווארן אום אפריל 5, 1917.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס דירעקטארין וויוויאנא דעקאהען האט געזאגט,** "מיר געדענקען די דינסט מיטגלידער וועלכע האבן געדינט מיט אויסצייכענונג און דאס וואס זיי האבן מקריב געווען אויף אפצוהיטן די פרייהייטן און לעבנסשטייגער וואס מיר אלס אמעריקאנער און ניו יארקער האבן דערצו דער פריווילעגיע צוליב זייער דינסט. עס איז סיי אונזער פריווילעגיע אפצוצייכענען זייער מיליטערישע דינסט און סיי אונזער פליכט צו אנערקענען די פיזישע און גייסטישע קאסטן און קרבנות אלס רעזולטאט דערפון."

**דער נאציאנאלער 'פערפל האַרץ זאַל פון עהרע' דירעקטארין אניטא פידאלא האט געזאגט,** "היינט, אוגוסט דעם 7'טן, 2022, איז דעם 240'סטן יארטאג פון דאס שאפן דעם 'בעדזש אָוו מיליטערי מעריט', די אינספיראציע פאר'ן מאדערנעם פערפל האַרץ מעדאל. ביטע באטייליגט זיך מיט אונז אין אפהיטן דעם 'פערפל האַרץ שעצונג טאג' דורך אפצייכענען און אפגעבן א לויב און דאנק צו די אלע פערפל האַרץ באקומער אויף צו פארזיכערן אז די יעניגע וועלכע האבן זיך מקריב געווען פאר אונזער פרייהייט וועלן קיינמאל נישט פארגעסן ווערן."

די מערקפונקטן באלאכטן צו ווערן אין אנערקענונג פון 'פערפל האַרץ טאָג' רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו עם. קאומאו בריק
- קאסציאושקא בריק
- די העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט בילדונג געביידע

- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראָונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספּאָ צענטער
- ניאגארא פאָלס
- דער ׳פראנקלין די. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאל עירפארט געיטוועי
- דער לעיק פלעסיד אָלימפיק דזשאָמפּינג קאָמפּלעקס
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פּען סטאנציע
- עמפייער סטעיט פלאזא

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418